# רבי אביגדור ענטפערט...



שמות
משפ"ים זפיק
גליון רנ"ג

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

## פראגע

**מיר האבן א כלל: "אין מקרא יוצא מידי פשוטו" – אז אלעמאל איז אויך אמת דער פשוט'ער פשט אינעם פסוק, וואס איז אויב אזוי פשט אין דעם וואס רבי יעקב האט געטייטשט אז "למען יאריכון ימיך" איז בלויז אין עולם הבא (קידושין לט:)?**

## ענטפער:

**א** גוטע קשיא. די קשיא איז: אויב עס שטייט (ביי די מצוה פון כיבוד אב ואם און שילוח הקן) **"למען יאריכון ימיך"** – אז אין זכות פון דער מצוה וועט מען לעבן לאנג, וויאזוי קען זיין אז עמיצער וואס האט געטון די מצוות איז געשטארבן יונג? (און אפילו רבי יעקב טייטשט אז דער פסוק רעדט פון עולם הבא, אבער למעשה דארף עס אויך שטימען מיט'ן פשוט'ן פשט פון עולם הזה?)

און דער ענטפער איז: מיר דארפן וויסן אז עס איז דא א כלל אין תורה - תוספות זאגט דעם כלל אויף א פלאץ – אז פונקט ווי ביי א דרבנן זאגן מיר **"לא פלוג"**; מיר ווייסן אז ווען די רבנן זאגן עפעס מאכן זיי נישט קיין אויסנאמען, כאטש נישט אלעמאל איז שייך די גזירה, די זעלבע איז אויך דא א "לא פלוג" ביי א דאורייתא. במילא, דער אויבערשטער גיבט **כללים**, אבער יעדער כלל האט אויך א **יוצא מן הכלל**. און לויט'ן פשוט'ן פשט זענען דא יוצאים מן הכלל.

אלזא, **אין אלגעמיין** איז די תורה גוט פאר'ן מענטש **אויף דער וועלט**, אבער לאמיר זאגן א מענטש איז ארויפגעשטעלט געווארן אויפ'ן שייטערהויפן דורך די אינקוויזיטארן און זיי זאגן, "אדער קוש דעם צלם אדער ווערסטו פארברענט אויפ'ן שייטערהויפן", וועט ער פרעגן א קשיא, "די תורה דארף דאך זיין גוט פאר מיר, און וויאזוי קען זיין אז עס קאסט מיר מיין לעבן?"

מיר פארשטייען אז דא איז אן **אויסנאם**. מיר לערנען זאכן אין א ראציאנאלע וועג. **בכלליות** איז די תורה גוט פאר דיר. אבער **צומאל** פארלאנגט פון אונז דער באשעפער א מורא'דיגע מסירת נפש און **צומאל** מאכט דער אויבערשטער – צוליב געוויסע סיבות – אז עס זאל אויסקומען א סתירה דערצו.

במילא, דער מענטש וואס איז אראפגעפאלן פונעם לייטער ווען ער האט געוואלט טון א מצוה פון שילוח הקן איז געווען אן אויסנאמס פאל. דער אויבערשטער האט עס געטון צו שטעלן מענטשן פאר א נסיון, אז זיי זאלן פרעגן די קשיא, דאס איז געווען דער ציל, אבער אין אלגעמיין איז נישט דא קיין קשיא.

נאר די גמרא האט געוואלט ערקלערן, נאך אלעם שטייט דאך **"למען ייטב לך"** – אז עס וועט דיר זיין גוט. ווען דעם זאגט די גמרא **"לעולם שכולו טוב, לעולם שכולו ארוך"**, דאס מיינט אז דער פסוק איז אייגנטליך **אלעמאל אמת**, ווייל עס מיינט אויך דאס לעבן אין עולם הבא, אבער אויב ווילסטו עס פארשטיין כפשוטו איז עס אויך אמת, ווייל מיר גייען נאך רוב און **אין רוב פעלער איז עס אמת אויך כפשוטו**.

עס איז נישט קיין שאלה אז די תורה-לעבן איז א גוטע לעבן. אפילו אין אייראפע אינעם מיטל-אלטער האבן אידן געלעבט גליקליך צוליב דער תורה, פיל גליקליכער ווי די גוים. טראץ אלע רדיפות האבן רוב אידן געלעבט פיל גליקליכער ווי רוב גוים אין זייערע צייטן.

לאמיר אייך אראפמאלן א סצענע אין "ווייסטשאפל"; לאנדאן אין יאר 1890. דאס איז א סצענע וואס איז באשריבן געווארן דורך ישראל זאנגוויל, א אידישער שרייבער. ער איז נישט געווען קיין פרומער איד, אבער ער האט געשריבן וואס ער האט געזען אין לאנדאן.

אין די אידישע געגנט אין לאנדאן איז מוצאי שבת געווען שטיל. ס'איז שטיל! שבת איז פארריבער רואיג און פרידליך. ווידעראום אין די גוי'אישע געגנטער הערן זיך געשרייען פון שיכור'ע מענטשן. מוצאי שבת איז יעדער געווארן אנגעטרונקען. פארוואס? ווייל שפעט שבת נאכמיטאג פלעגן זיי באקומען זייער געהאלט, און זיי האבן תיכף גענומען זייער געלט און געגאנגען גראד צום קרעטשמע צו טרונקען.

ווען איך בין געווען א קינד, די ערשטע זאך וואס אלע גוים האבן געטון שבת נאכמיטאג איז געווען אז זיי האבן זיך ארויסגעלאזט צו די שענק, און עס זענען געווען מחנות פון מענטשן וואס זענען געשטאנען אינדרויסן אנגעטרונקען. מען האט געדארפט מאכן אן אומוועג פון א גאנצן גאס כדי צו פארמיידן די שיכורים.

וועגן דעם האט מען דעמאלטס אין אמעריקע געמאכט די "פראהיבישאן" (א פארבאט צו פארקויפן אלקאהאלישע געטראנקען), ווייל די מחלה פון שכרות איז געווען אזוי געפערליך אין אמעריקע.

ער שרייבט דארט ווייטער: "פון אלע זייטן האבן זיך געהערט געשרייען פון פרויען וואס ווערן אטאקירט דורך זייערע שיכור'ע מענער." און ער זאגט, "בלויז איין קליין אינזל פון מענטשליכקייט איז אויפגעהויבן געווארן דורך אלטצייטיגע אינדזשענירן; די אידישע געגנט. דארט איז געווען שטיל. קיין שיכורים, קיין צעשלאגענע ווייבער."

יעצט, דער שרייבער איז נישט געווען קיין רעליגיעזער מענטש, אבער ער האט געשריבן אז בלויז די אידישע איינוואוינער זענען ווי אן אינזל וואס איז אויפגעהויבן געווארן דורך "אלטצייטיגע אינדזשענירן" – ער מיינט די אמאליגע חכמים וואס האבן געמאכט אז די אידן זאלן זיך אויפפירן אזויפיל העכער.

במילא איז גרינג צו זען די נידריגקייט און קארופציע פון די אומות העולם. צי זעען מיר נישט צומאל פרי פארטאגס עפעס א שיכור'ער גוי ליגט אינמיטן גאס – נישט בלויז אין דעם געגנט, נאר אין ווייסע געגנטער – א גוי וואס איז גוט אנגעטון, די האר שיין פארקעמט, און ער ליגט טויט שיכור?! דאס מיינט אז ער איז געווען אינדרויסן א גאנצע נאכט אויפ'ן גאס. באלד וועט ער אויפשטיין און אהיימגיין און דערנאך וועט ער זיך אויפטון פאר זיינע פריינד, "אה, נעכטן נאכט האב איך מיך געשפירט הויעך...!" ער איז אזוי פרייליך, ער וועט רעדן דערוועגן. ער איז געלעגן שעות אויפ'ן גאס און ער וועט זיך נאך אויפטון דערמיט.

האט איר שוין אמאל געהערט א איד זאל זיך אויפטון מיט אזא זאך? וואס איז דער חילוק צווישן די אומות העולם און דער עם ישראל? ס'איז אזוי גרינג צו זען! און דערפאר, האבן אידן א **"יום שכולו טוב" אפילו אויף דער וועלט!**

פארשטייט זיך אז צומאל איז דא אן אויסנאם דערצו, וואס דער אויבערשטער מאכט צוליב א געוויסער סיבה.

איר ווייסט, חנוך איז געווען איינער פון די גרעסטע צדיקים פון אמאל. **"ויתהלך חנוך את האלקים"** (בראשית ה, כד) – חנוך איז געגאנגען מיט השי"ת. און דאך איז חנוך נפטר געווארן פריער ווי אלע מענטשן פון בעפאר און נאך אים. איז עס נישט קיין אינטערעסאנטע זאך? עס שטייט צוויי מאל "ויתהלך". פארוואס דארף עס שטיין א צווייטע מאל?

ווייל נאכדעם וואס חנוך איז אוועקגענומען געווארן פון דער וועלט; עס שטייט "כי לקח אותו אלקים" – דער אויבערשטער האט אים אוועקגענומען, מיר ווייסן נישט וואס עס איז געשען, און מיר וואלטן געקענט טראכטן, אפשר האט ער אויפגעהערט צו גיין אינעם אויבערשטנ'ס וועגן און וועגן דעם איז ער אוועקגענומען געווארן?! וועגן דעם שטייט נאכאמאל "ויתהלך חנוך את האלקים" – אז ניין, ער איז געווען ערליך און דאך איז ער אוועקגענומען געווארן. פארוואס האט אים דער אויבערשטער אוועקגענומען?

און דער ענטפער איז, הקב"ה איז געווען באזארגט אין יענע צייטן אז מענטשן וועלן פארגעסן אז די וועלט קומט אמאל צו אן ענדע. זיי האבן געלעבט ניין הונדערט יאר. אפילו ווען א מענטש לעבט זיבעציג יאר פארגעסט ער אויך. ער מיינט אז די וועלט איז אויף אייביג. אבער ווען א מענטש לעבט ניין הונדערט יאר איז עס זייער א גרויסע סכנה, ער קען פארגעסן.

דעריבער האט דער באשעפער באשלאסן צו דערמאנען פאר מענטשן אז די וועלט איז נישט אויף אייביג. האט ער אוועקגענומען א צדיק אין א יונגען עלטער, ווען ער איז געווען בלויז דריי הונדערט און פינף און זעכציג יאר. א אינגערמאן! יעצט די וועלט איז געווען שאקירט! הייסט אז עס איז מעגליך צו שטארבן יונג! עס איז געווען א דערמאנונג! דאס האט זיי אויסקורירט און זיי האבן אנגעהויבן טראכטן וועגן דעם יום המות. "אפשר זאלן מיר טויש אונזערע וועגן און אנהייבן טראכטן עפעס אויפצוטון אין אונזער לעבן."

יעצט, וואלט ווען דער אויבערשטער אוועקגענומען א צווייטן אין א יונגען עלטער, וואלטן מענטשן געזאגט, "שוין, ער איז געשטארבן יונג צוליב זיינע זינד. מיר ווייסן טאקע נישט וועגן זיינע זינד אבער ס'איז זיכער אז ער האט געזינדיגט באהאלטענערהייט, און עס קומט זיך פאר א זינדיגער צו שטארבן. מיר זענען נישט אזעלכע שרעקליכע בעלי עבירה, מיר דארפן זיך נישט זארגן, מיר האבן נאך היפש צייט, ניין הונדערט יאר איז א לאנגע צייט."

וועגן דעם האט דער באשעפער גענומען א גרויסער צדיק, יעדער האט געוואוסט אז ער האט נישט געזינדיגט און ער האט געדינט אלס א קרבן ציבור כדי צו דערשרעקן די וועלט.

דאס איז צומאל די סיבה, נישט דא געדאכט, פארוואס א צדיק שטארבט צומאל יונג, כדי צו דערשרעקן די וועלט. מענטשן מאכן א קל וחומר, מה דאך דער צדיק איז נפטר געווארן יונגערהייט, וואס וועט געשען צו אונז? מיר דארפן זיך בעסער היטן.

און דערפאר, דאס קען זיין די סיבה פארוואס יענער מענטש איז אראפגעפאלן פונעם לייטער, כאטש ער האט געטון א מצוה פון שילוח הקן, אויף וואס ער וואלט ווען געדארפט לעבן לאנג. (#639)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org, **אדער גייט צו** torasavigdor.org. **צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב